# פרשת שלח

## בס"ד. משיחת טו"ב סיון ה'תש"מ
### לנשי ובנות חב"ד

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אין דער סדרה פון היינטיקער וואך, פון דעם אפשלוס פון קאנוועשאן, ווערט דערציילט און געגעבן מיט פרטים, די מצוה פון חלה,

וואס דאס איז דאך איבערגעגעבן געווארן צו יעדער אידישע פרוי, אז זי זאל געבן חלה, און דאס זאל זיין "ראשית עריסותיכם", דאס זאל זיין דער אנהויבס פון יעדער עסן און טרינקען אין הויז –

זאל מען וויסן זיין אז צום אלעם ערשטן איז "תרימו תרומה לה'", גיט מען אפ א טייל צו דעם אויבערשטן, און ערשט דערנאך טראכט א איד ווי אזוי ער זאל הנאה האבן – נעמען – פון דער וועלט אט דאס וואס ער דארף האבן פאר זיין אויפהאלטן, און פאר דעם אויפהאלטן פון דער משפחה, פון די קינדער, און קינדס-קינדער,

וואס דורך דערויף וואס ער ווייס אז "ראשית", דער אנהויבס פון די אלע זאכן, טוט ער און גיט אפ צו דעם אויבערשטן – איז דערנאך ווערט די גאנצע שטוב, און ער אליין מיט אלץ וואס געפינט זיך אין שטוב, ווערט דאס אלץ דעם אויבערשטן'ס,

און דעמולט זאגט דער אויבערשטער ושכנתי בתוכם, אז ער רוט, ניט נאר ער געפינט זיך – נאר ער געפינט זיך דארט אין אן אופן ששוכנת ומתלבשת, פון רואיקייט, אין דעם הארצן פון יעדער אידן, אין דער הארצן און אינעווייניק אין יעדער אידישע הויז, און אזוי אויך אין דעם גאנצן אידישן פאלק וועלכער באשטייט פון אזוינע אידישע הייזער,

וואס דאס אלץ איז געגעבן געווארן, ווי געזאגט פריער, אויף ערפילן בפועל – צו דעם אידישער פרוי, און צו דער אידישער טאכטער.

אזוי אויך (עד"ז) די טעג וואס די קאנוועשאן האט זיך אנגעהויבן איז דאך געווען פרשת בהעלותך את הנרות, וואס מ'האט אנגעזאגט אהרן כהן גדול, אז ער, און די כהנים נאך אים, זאלן מאכן ליכטיק אין דעם אלגעמיינעם בית המקדש (און פאר דעם – אין משכן) – דורך אנצידן דארט נרות פון מצוה,

עד"ז אין יעדער אידישער הויז דארף דאס יעדער פון די וואס געפינען זיך אין הויז טאן אין ענינים פון נר מצוה ותורה אור, אויף מאכן ליכטיק די הויז,

איז דאס פון צווישן די מצוות – א מצוה וואס זי מאכט ליכטיק מיט א מצוה-ליכטיקייט, וואס זי איז אויך (צוזאמען דערמיט) ליכטיק אז מ'זעט דאס בעיני בשר, און דערזעט אויך אפילו א ניט-איד, ווען ער גייט דורך אין גאס און זעט דורכן פענסטער אז עס ברענען נרות שבת ונרות יו"ט – זעט ער אז דאס איז א ליכטיקייט וואס מאכט ליכטיק די הויז, און דורכ'ן פענסטער איז אורה יוצאת לכל העולם גייט ארויס די ליכטיקייט אויך אין וועלט.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שלח

איז פון וועמען הויבט זיך אן אט די ליכטיקייט – פון נשי ובנות ישראל.

און ווי דער מדרש פארבינדט דאסביידע נרות צוזאמען, די נרות וואס א אידישע פרוי און טאכטער צינדט אן בא זיך אין הויז ערב שבת און ערב יו"ט, און מ׳זאגט אז בשעת מ׳איז אפגעהיט און מ׳איז מקיים אט די מצוה, וועט מען אינגיכן באווייזן די נרות של ביהמ"ק, ווי אויך דערציילט אין ילקוט אין פרשה בהעלותך.

אזוי אויך בנוגע צו דער דריטער מצוה, איז דער פסוק וואס פארבינדט ביידע פרשיות, בהעלותך את הנרות, און פרשת שלח, וואו עס רעדט זיך וועגן מצות חלה – דערציילט דארט דער פסוק פון דעם גרעסטן כבוד וואס מ׳האט אפגעגעבן מרים הנביאה,

ביז וואנעט אז דער אויבערשטער אליין, און משה ואהרן, מיטן גאנצן משכן האבן זיך פארהאלטן אויף א גאנצער וואך, ביז וואנעט אויך מרים האט געקענט מיט זיי מיט-גיין צוזאמען,

וואס וואס איז געווען מרים׳ס אויפטו בשעת אידן האבן זיך געפונען אין מדבר –

מרים׳ס אויפטו איז געווען – אז זי האט געגעבן א בארה של מרים, א קוואל וואס איז מיט-געגאנגען מיט אידן אויף אלע זייערע 42 מסעות וואס זיי זיינען דורכגעגאנגען אין מדבר,

וואס אין מדבר איז דאך צמאון אין מים, ניטא קיין קוואל, ניט קיין וואסער, ווער האט צוגעשטעלט דעם ענין פון טהרת המשפחה, אז מ׳זאל האבן קינדער, און א סאך קינדער, און עס זאל זיין ווי דער אויבערשטער וויל – אט דאס איז געווען בזכותה של מרים הנביאה.

און ווי דערמאנט פריער, דאס פארבינדט בהעלותך מיט דער פרשה פון חלה, דאס איז דער לעצטער פסוק פון בהעלותך, וואס פארענדיקט זיך אז דעמולט איז מען געקומען אין מדבר פארן, וואס דערמיט הויבט זיך אן פרשת שלח – וואס האט פאסירט אין מדבר פארן, און דארט איז אויך געווען דער נתינת המצוה (דער אנזאג אויף דער מצוה) פון מצות חלה.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.